# פלואָרייד וואַרניש: אָפט-געפרעגטע פראגן

## וואס איז פלואָרייד וואַרניש?

פלואָרייד וואַרניש איז א באשיצנדע שיכט וואס ווערט ארויפגעשמירט אויף די ציין צו העלפן פארמיידן לעכער.

## פארוואס איז פלואָרייד וואַרניש רעקאמענדירט?

לעכער אין די ציין קענען פאראורזאכן ווייטאג און אינפעקציעס, וועלכע קענען פירן צו פראבלעמען מיטן עסן, רעדן, פארברענגען און לערנען. פלואָרייד וואַרניש מאכט די ציין שטערקער, עס שטעלט אפ לעכער פון ערגער ווערן און העלפט פארמיידן נייע לעכער פון געשעהן.

## איז פלואָרייד וואַרניש זיכער?

יא. פלואָרייד וואַרניש איז זיכער צו ארויפלייגן אין יעדע עלטער, אפילו פאר בעיביס ווען זייערע ערשטע ציין קומען ארויס. אויב איר האט פראגן אדער זארגן איבערן נוצן פלואָרייד וואַרניש, רעדט מיט אייער דאקטאר אדער צאן דאקטאר. קינדער זאלן אנהויבן באזוכן דעם צאן דאקטאר ביי די 1 יאר אלט.

## וויאזוי ווערט פלואָרייד וואַרניש ארויפגעלייגט?

פלואָרייד וואַרניש ווערט ארויפגעשמירט אויף די ציין מיט א בערשטל דורך א צאן דאקטאר, צאן היידזשיעניסט, דאקטאר אדער נורס. די פראצעדור איז שנעל און גרינג, עס טוט נישט וויי און לאזט נישט איבער א שלעכטע טעם. די וואַרניש קלעבט צו די ציין און קען איבערלאזן א דינע, צייטווייליגע איבערדעקנדע שיכט. דאס איז נארמאל, און עס וועט אוועקגיין ווען די ציין ווערן געפוצט.

## ווי לאנג האלט פלואָרייד וואַרניש אן?

פלואָרייד וואַרניש באשיצט די ציין פאר עטליכע חודשים. עס ארבעט דאס בעסטע ווען עס ווערט נאכאמאל ארויפגעשמירט יעדע דריי ביז זעקס חודשים.



א קינד ווערנדיג ארויפגעשמירט פלואָרייד וואַרניש אויף די ציין

## צי קען איך עסן, טרונקען אדער פוצן מיינע ציין נארמאל נאך פלואָרייד וואַרניש ווערט ארויפגעשמירט?

איר קענט עסן און טרונקען נאך פלואָרייד וואַרניש ווערט ארויפגעשמירט, אבער האלט זיך צוריק פון הייסע, הארטע אדער קלעבעדיגע עסנווארג פאר די רעשט פונעם טאג.ווארט ביז דעם קומענדיגן אינדערפרי צו פוצן אייערע ציין.

## צי איז פלואָרייד וואַרניש געדעקט דורך אינשורענס?

רוב אינשורענס פאליסיס וואס דעקן צאן געזונטהייט סערוויסעס, אריינרעכענענדיג Medicaid און Child Health Plus, דעקן דאס ארויפשמירן פלואָרייד וואַרניש. פאר הילף זיך צו איינשרייבן פאר- אדער צו באנייען העלטע אינשורענס, רופט **311** אדער 347-665-0214 אדער באזוכט **nyc.gov/health/healthcoverage**. פאר הילף מיטן טרעפן א ביליגע צאן געזונטהייט פראפעסיאנאל אין אייער געגנט, רופט **311** אדער באזוכט **nyc.gov/health/map**.

**פאר מער אינפארמאציע איבער געזונטהייט פון די מויל, באזוכט nyc.gov/health/teeth.**

NYC Health